# טויטע לאָסן אין געדיכטע וועלדער

אוי! נאָך אַ מאָל שטייט פֿאַר אונדז אַ וואַנט פֿון קראַצעדיקע טענענביימער מיט זייערע שאַרפֿע טויטע אונטערצווײַגן. דערצו אַן אַראָפּגעפֿאַלענער עלטער־זיידע פֿון אַ טענענבוים מיט זײַנע צעבראָכענע שפּיציקע צווײַגן. נו, מוזן מיר אַרומגיין דעם ערגסטן טייל. און דערנאָך ...

---

כ'האָב זיך אויפֿגעכאַפּט אינעם פֿרעסטלדיקן פֿרימאָרגן, אויסגעטשוכעט געוואָרן מיט אַ מאָל דורכן אָפּוואַשן דאָס פּנים אינעם גאָר קאַלטן אָזערע־וואַסער (איך זאָל זיך פֿילן ווי אַ מענטש און ניט ווי קיין חיה), אָפּגעגעסן אַ גוטן פֿרישטיק, כאָטש אַ פּראָסטן, מערסטנס האָבערגרייץ.

אַ האַלבע נאַכט איז געגאַנגען אַ שווערער רעגן מיט ווינט, אַלץ אין דרויסן איז נאַס, און דער הימל זעט אויס נאָך אַלץ גרוי און דראָענדיק. אַפֿילו אַז ס'קומט מער ניט קיין רעגן, ווערט מען נאַס פֿון די קוסטעס. ס'האָט געקענט זײַן ערגער: ס'האָט געקענט זײַן אַ טאָג ווען מיר גייען פֿון איין לאַגערפּלאַץ אין אַ צווייטן מיטן גאַנצן געצײַג אויף די פּלייצעס. הײַנט בלויז לײַכטע זעק אויף אַ "טאָג־נסיעה". אַז דער וועטער בלײַבט נישקשה איז דאָס אַ שווערע אָבער אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט.

---

וואָס פֿאַר אַן אַרבעט? מע גייט איבער שטאָק און שטיין, אַוועק פֿון די סטעשקעס, זוכנדיק טויטע לאָסן, געוויינטלעך אַלטע ביינער. דאָס איז אַ טייל פֿון אַ כּמעט פֿופֿציק־יאָריקער אויספֿאָרשונג פֿון דער עקאָלאָגיע אויף "קיניגלעכן אינדזל" אין דער "אויבערשטער אָזערע"[א]; דער עיקר שטודירט מען דאָס שײַכות צווישן די וועלף און די לאָסן[ב], די פֿרעסערס און די אויפֿגעפֿרעסענע. זומערצײַט לאָזן זיך אַרויס פֿיר גרופּעס וואָלונטירן פֿון ערדוואַרג[ג], זוכן ציינער און ביינער פֿון טויטע לאָסן (אָן ציינער אָדער וויניקסטנס איין צאָן זײַנען די ביינער ניט נוציק), כּדי זיך צו דערוויסן וועגן דעם עלטער און געזונט פֿונעם לאָס, ווי לאַנג צוריק ער/זי איז געשטאָרבן, וכו'. די וועלף זײַנען קליגער און באַשיידענער ווי די (טויטע) לאָסן, מוז מען זיי נאָכגיין מיט ראַדיאָ־קאָלנערס אָדער פֿון אַעראָפּלאַנען ווינטערצײַט, ווען מען קען דערזען זייערע שפּורן אויפֿן שניי.

מיר גייען זאַלבע זעקס אין אַ שורה, פּאַמעלעך, געלאַסן, טריט בײַ טריט, קוקנדיק אויף די פֿיס און אויף ביידע זײַטן, יעדער אין זײַן אייגענעם פּאַס פֿונעם באָדן, אַ יאַרד 10-15 אין דער ברייט. מע קוקט און קוקט וויפֿל דער טערען דערלאָזט, זוכן ביינער און אויך אַראָפּגעוואָרפֿענע הערנער.

און דערנאָך – נאָך מער טענענביימער. פֿאָרויס זעט אויס אַ ביסל ליכטיקער, קען מען האָפֿן, אַז ס'וועט באַלד ווערן גרינגער, הלוואַי! טאַקע אַזוי – מע גייט אַ ביסל באַרג־אַרויף, וואָס דאָס מיינט געוויינטלעך, אַז דער וואַלד איז שיטערער, קענען מיר בעסער אַרומזוכן און איינער דעם צווייטן זען. אויף רעכטס גייט דזשאָ, אַ יונגע פֿרוי פֿון קאַנאַדע, אַ שטאַרקע, כאָטש אַ קליינינקע, האָב איך קוים געקענט אויפֿהייבן איר פּאַק. ווײַטער אויף רעכטס – דאַן, אַ ווילער מענטש, מיט אַ טבֿע צו גיין ווײַט פֿאָרויס (ער איז פֿאַרלוירן געוואָרן אַ גאַנץ מעת־לעת דעם צווייטן טאָג). אויף לינקס גייט דזשעף, דער שעף, וואָס האָט אָנגעפֿירט אַ גוטע נסיעה, האָט אַפֿילו אַראַנזשירט, אַז קיין רעגן זאָל ניט קומען בײַ טאָג. לעבן אים איז ראָן, וואָס דאָס איז פֿאַר אים דאָס 13טע מאָל אויף דער דאָזיקער עקספּעדיציע, האָט ער שוין אַ פּאָר גוטע אויגן און אַ סך געדולד פֿאַרן זוכעניש. און ווײַט אויף לינקס גייט קליי, ווי אַ בוהײַ אין אַ פּאָרצעלײַ־קראָם, דרינגט דורך די צווײַגן מיט אַ הויכער טראַסקעריי און פּלאַפּלט צו זיך אַליין, קען מען אים דערהערן פֿון דער ווײַטנס – זײַן 5ט מאָל.

דער פּלאַן איז, אַז מיר וועלן גיין עטלעכע שעה אין אַ ריכטונג פֿון 240°, ביז צום געגנט פֿון אַ געוויסן קויפּ, באַצייכענט "קויפּ 885" אויף דער קאַרטע; דערנאָך אויף צפֿון אפֿשר אַ שעה און פֿון דאָרט צוריק אין לאַגערפּלאַץ. מיר "שווימען" דורך דיביימער, רוקנדיק די צווײַגן אַראָפּ, אַרויף, צי אויף אַ זײַט מיט די אָרעמס אָדער אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ; זײַנען מיר אָנגעקומען אין אַ קליינער לאָנקע, אַ שיינע, מיט גראָז און אַ סך לופּטלעך, נאָך שענער ווײַל מע קען טאַקע גיין אָן געראַנגל, כאָטש בלויז אַ 25 יאַרד.

"אַן אַראָפּגעוואָרפֿענער!" גיט דזשאָ אַ געשריי. דזשעף און איך קומען אָן וווּ זי שטייט מיט אַן אַלטן, מאָך־באַדעקטן האָרן. מיט דער ווירע אויף מײַן קאָמפּאַס מעסט איך אויס דעם דיאַמעטער פֿון דער באַזע און דזשעף שרײַבן דאָס אָן צוזאַמען מיט נאָטיצן וועגן וווּ מיר האָבן אים געפֿונען, ווי אַלט ער זעט אויס, אאַז"וו. איך צייכען אָן אַן איקס אויפֿן האָרן, מע זאָל אים ניט אַנטדעקן אַ צווייט מאָל[ד].

נו, אַבי אַ תּירוץ זיך אָפּצורוען, אַ היפּש ביסל וואַסער אָפּצוטרינקען, אָבער צוריק אין וועג, אַריבער דער לאָנקע, און נאָך אַ מאָל אַרײַן אין וואַלד. דאָ און דאָרט צווישן די טענענביימער זײַנען דאָ גרויסע בערעזעס, אָפֿט מאָל אַלטע טויטע שוין יאָרן לאַנג. אָט די מתים זײַנען עפּעס קונדסים: אַז מע שפּאַרט זיך אָן אין אַזאַ טויטן אָבער דיקן און שטאַרק־אויסזייענדיקן בערעזע־שטאַם, פֿאַלט ער אַראָפּ מיט

אַ מאָל מיט אַ קנאַק. נאָך קונציקער איז, אַז מע טרעט אָן אויף אַזאַ אַלטן גרויסן אַראָפּגעפֿאַלענעם שטאַם, גייט דער פֿוס גלײַך אין קלאָץ אַרײַן; אינעווייניק איז דער שטאַם אין גאַנצן פֿאַרפֿוילט געוואָרן נאָר די קאָרע בלײַבט ווי סאָליד.

פֿאַר אונדז גייט דער וועג באַרג־אַראָפּ, דערזע איך פֿאָרויס אַ צעדערבוים צוויי, דרײַ, נו, אַ זומפּ. נאָר איידער מע גייט אין אים אַרײַן, דערהערט מען אַ געשריי פֿון ראָן, "ביין!" גייען מיר אַלע צו צו אים, דערזעען מיר אַ ווײַסן שאַרבן האַלב באַדעקט מיט בלעטער. גוט, מיט ציינער איז דאָס אַ "כאַפּ" אָבער נאָך בעסער וועלן זײַן די אונטערשטע באָרדביינער מיט די שנײַדציינער, גראָבט ראָן פּונקט אונטערן שאַרבן. צוויי, דרײַ צאָל אין דער טיף זײַנען דאָ די אָ ביינער און אַ ביסל טיפֿער צוויי "גוטע ציינער". מיר אַנדערע דרייען זיך אַרום אין דער געגנט און זומפּ בתוכם – יעדער וואָלף רײַסט אויף אַ טייל פֿונעם קרבן און טראָגט עס אַוועק אויף אַ זײַט, ער זאָל קענען עסן בשלום. דזשעף רעקאָרדירט אין העפֿטל די אַלע נייטיקע פּרטים. איך געפֿין אַ פֿוסביין וואָס האָט נאָך אַלץ מאַרך. עמעצער קויפּט אָן ריפּן און רוקנביינער, אַלע געזונטע, ניט קיין אַרטריט. דער כּלל איז, ווער עס אַנטדעקט דער ערשטער אַ פּגירה, טראָגט די ביינער" אַהיים (אַז מען איז אַ פֿוילער, קען מען גיין מיט פֿאַרמאַכטע אויגן).

איז, לאָזן מיר זיך ווידער אין וועג אַרײַן, אין זומפּ אַרײַן. דורכגעווייקטע ערד אין די נידעריקערע ערטער בלויז צוליב רעגן צי אַן אַלטן ביבערסטאַוו, שוין כּמעט אַ לאָנקע כאָטש אַ נאַסע. אַז מע גייט זאָרגעוודיק, קען מען געפֿינען ערטער ווו צו טרעטן. מע גייט ווי אויף קריכלקעס, וואָס דאָס וואָלט געווען אַ שווערע זאַך מיט שווערע פּעק. עס וואַקסט אומעטום טכוירקרויט. אַ סךביימער מיט די גרויסע לעכער פֿון מיצל־פּיקהאָלצן און די קלענערע פֿון האָריק־פּיקהאָלצן.

איך מוז זיך מודה זײַן, אַז אַזאַ לאַנד איז מיר אַ ביסל ענג, כּמעט אין גאַנצן באַדעקט מיט געדיכטע צפֿונדיקע וועלדער, קוים אַן אויסבליק אַחוץ פֿונעם ברעג אָזערע (און ס'איז מיר גאָר פֿרעמד, אַז אַזוי פֿיל וואַסער זאָל האָבן קיין שום זאַלץ ניט). אַלץ איז באַרעליעף, אַחוץ איין סקאַלע, וואָס פֿאַלט אַראָפּ אַ 150 פֿוס אין אָזערע, האָבן מיר געדאַרפֿט געפֿינען אַ וועג אַרום איר אָנצוקומען צו דער פּלאַזשע. מע גייט ניט גיכער ווי אַ קילאָמעטער אַ שעה, ווערט מען געדולדיק צי חסר־דעה. פֿונדעסטוועגן איז עס מיר אינטערעסאַנט אויף אַ סך אופֿנים, ניט דאָס קלענסטע וואָס ס'האָט מיך נאָך ניט דערהרגעט.

אָבער איך בין, פֿאַרשטייט זיך, גאָר אַן עם־הארץ; בײַ אַ נאַטוראַליסט איז דאָס גן־עדן.

סוף־כּל־סוף קומען מיר דורכן זומפּ מיט טרוקענע פֿיס, מער־ווייניקער, און נאָך אַ מאָל אַ ביסל באַרג־אַרויף, אַוועק פֿון די קאָמאַרן. זעצן מיר זיך אַוועק אויף אַ פּאָר ביימערשטאַמען, עסן אָפּ אַ גוט שטיקל אָנבײַסן: קעז מיט פּלעצלעך, ראָזשינקעס, סטאַשקעשמיר, שאָקאָלאַד. און אַ סך וואַסער. עפּעס אַ ווינטל וואָלט געווען אַ מחיה, אָבער דער וועטער איז שוין שענער געוואָרן, אַלץ איז נאָך אַ מאָל טרוקן.

נאָכן עסן גייען מיר אַ ווײַלע אויף צפֿון און דערנאָך צוריק אַהיים, מערסטנס פּאַזע אַ לאַנגן קאַם ווי אַ וואַלפֿיש־רוקן, גאַנץ באַדעקט מיט ביימער אָבער אַ ביסל אָפֿענער און דאָס גיין איז אַ ביסל גרינגער, אַפֿילו אַ קורצע לאָנסטעשקע פֿון צײַט צו צײַט. אַ סך ביימער זעען אויס מאָדנע שיין מיט די צווײַגן און ראַציקע שטאַמען באַדעקט מיט "זקן־באָרד", אַ מין בלאַסער גראָ־גרינער לישײַ וואָס הענגט אַראָפּ אין אַ פּלאָנטער פֿון פֿעדעמלעך. אויפֿן וועג געפֿינען מיר נאָך דרײַ הערנער, צוויי פֿון זיי מסתּמא אַ "פּאָרל", און צוויי באַזונדערע סכומען ביינער, אָן ציינער. מילא. אויך אַ שאַרבן פֿון אַ ביבער אויפֿן שפּיץ בערגעלע ווײַט פֿון וואַסער, מאָדנע צו זאָגן. דזשעף דערקלערט, אַז זיי און דער עיקר די לאָסן, וואָס עסן אַלע מינים ביימער אַחוץ די טענענביימער', האָבן אויפֿגעפֿרעסן די ציטער־טאָפּאָליעס וואָס שטייען נאָענט צום וואַסער און אַז די ביבערס דאַרפֿן גיין ווײַטער זוכן עסנוואַרג, איז גרינגער פֿאַר די וועלף זיי צו כאַפּן. האָב איך דעם דאָזיקן שאַרבן געטראָגן – גאָר לײַכטער ווי די לאָסנביינער.

שוין אַ לאַנגע צײַט אונטער וועגס זײַנען מיר אַלע מיד, אַ ביסל צעקראַצט, און אַ ביסל נאַס פֿון שווייס אויב ניט פֿון רעגן. איך גיי ווײַטער טיילווײַז דורך עקשנותדיקייט, אויפֿמונטערן זיך מיט פּלענער פֿון אַ באָד ווען מיר קומען אָן אין לאַגערפּלאַץ – ד"ה, דעם אמת געזאָגט, בלויז אַ גיכער שווענק מיטן קאָפּטיכל אינעם אײַזיקן אָזערע־וואַסער – און מיט געדאַנקען פֿון טרוקענע קליידער, וואַרעמעס, און דעם וואַרעמען שלאָפֿזאַק, זיך צוצוהערן צו די טונקערס, וואָס צעלאַכן זיך אין דער נאַכט. נו, ווײַטער, ווײַטער, טריט בײַ טריט.

מיר זײַנען אַראָפּ פֿונעם קאַם און פּנים־אל־פּנים מיט אַ דערטרונקענער לאָנקע, אַ געוועזענעם ביבערסטאַוו. ס'וואָלט געווען אַ לאַנגער אָנלייגוועג אַרום איר, אָבער אַן אַלטע ביבער־דאַמבע פֿירט אַריבער פּונקט פֿאַר אונדז, אפֿשר אַ פֿוס אין דער ברייט און 25 פֿוס אין דער לענג, די צווײַגן און קלעצער באַדעקט מיט גליטשיקן גראָז, וואָס בייגט זיך אַז מע טרעט עס אָן, לאָזט גרינג אַראָפּ אַ פֿוס אין וואַסער אַרײַן. זײַנען מיר אַלע אַריבער מיט קוים אַ פּליושק.

און ווײַטער דורך וועלדער, זומפּן, לאָנקעס ... אַהאַ! שוין נאָענט צו דער היים – די באַוואַלדיקטע קויפּן און זומפּן זעען אַלע אויס גלײַך, אָבער אָט דאָס קליינע ריטשקעלע גיסט זיך אין אָזערע אַרײַן לעבן די געצעלטן. אין אַ האַלבער שעה אַרום – באַקוועם!



דער מחבר פֿילטרירט וואַסער פֿון אַ ביבערסטאַוו

[א] Isle Royale in Lake Superior, אַן ערך 9 מײַל אין דער ברייט און 48 אין דער לענג.

[ב] הײַנט זײַנען דאָ 14-15 וועלף אין דרײַ טשאַטעס און אפֿשר 500 לאָסן. אַ מאָל זײַנען געווען אַ 50 וועלף מיט כמעט 3000 לאָסן, איבער די יאָרן גייען די באַפֿעלקערונגען אַראָפּ און אַרויף צווישן די צאָלן. גיט אַ קוק אויף די וועבזײַטלעך http://www.earthwatch.org/expeditions/peterson.html און http://www.isleroyalewolf.org .

[ג] ערדוואַך (Earthwatch) איז אַ פּריוואַטע אָרגאַניזאַציע באַזירט אין מאַסאַטשוסעטס, וואָס זי שטיצט אונטער פֿינאַנציעל און מיט וואָלונטירן וויסנשאַפֿטלעכע פּראָיעקטן אומעטום אויף דער וועלט. גיט אַ קוק אויף זייער וועבזײַטל: http://www.earthwatch.org .

[ד] די ער־לאָסן לאָזן אַרויס נײַע הערנער אַלע יאָר; שפּעט אין האַרבסט פֿאַלן זיי אַראָפּ פֿונעם קאָפּ. במשך פֿון דער וואָך האָבן מיר געפֿונען 48 אַזעלכע הערנער.

[ה] ניט דעם גאַנצן קערפּער: די ציינער, שאַרבן, איינער אַ פֿוסביין, און ניט־געזונטע רוקנביינער, בעקנס. מיר האָבן געפֿונען 8 לאָסן־קערפּערס מיט ציינער און אפֿשר נאָך אַ טוץ וואָס זיי זײַנען געווען ניט נוציק. די אַלע ביינער וואָס מיר האָבן זיי באַהאַנדלט זײַנען געווען ריין, בלויז אַ שטיקל כראָמסקע דאָ און דאָרט; אין 1996, נאָך גאָר אַ שווערן ווינטער וואָס האָט דערהרגעט אַ 2000 לאָסן דורך הונגער (צוליב דעם טיפֿן שניי), האָבן די וואָלונטירן געדאַרפֿט אַהיימברענגען ביינער פֿול מיט פֿאַרפֿוילט פֿלייש, מיט מאָדן אָן אַ צאָל און גאָר אַ שרעקלעכן עיפּוש.

[ו] די לאָסן האָבן ליב פּאַשען זיך ספּעציעל אויף די יאָדלעס, וואָס מע זעט ווילדעלעך פֿון זיי, ניט מער ווי אַ פֿוס צוויי אין דער הייך, כמעט אָן צווײַגן און אָן נאָדלען, שיִער ניט נאַקעטע שטענגלעך, אָבער לעבעדיקע, אָפֿט מאָל אַלט אַ יאָר 20-30.

=======================
Picture credit: Jeff Holden
Copyright © 2005 Barry Goldstein
9/17/2005 1:57:00 PM
toytelosn.doc